**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/7/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט נאמינירטע קאנדידאטן פאר דער קאמיסיע אויף זיטן אין לאָבי׳ען און רעגירונג**

***פובליק קאמענטארן אויף נאמינאציעס קען אריינגעגעבן ווערן דא***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן צוויי פון די עקזעקיוטיוו טשעימבער׳ס דריי נאמינירטע קאנדידאטן צו די קאמיסיע אויף זיטן אין לאָבי׳ען און רעגירונג. אין איינקלאנג מיט די זעלבסטשטענדיגע איבערזיכט קאמיטע׳ס פראצעדורן איינגעפירט אין יוני, וועט די פובליק האבן זיבן ביזנעס טעג צו קאמענטירן אויף די נאמינירטע קאנדידאטן און דערנאך עס פרעזענטירן צו דעם זעלבסטשטענדיגן איבערזיכט קאמיטע פון ניו יארק׳ס לאו סקול מנהלים פאר איבערזיכט און באוויליגונג אדער צוריקווייזונג צו סערווירן אויף דער קאמיסיע.

״די קאמיסיע אויף זיטן אין לאָבי׳ען און רעגירונג וועט זיין א זעלבסטשטענדיגע, יושר-געשטימטע זיטן אגענטור וועלכע באזארגט גרעסערע דורכזעעדיגקייט און פאראנטווארטליכקייט פאר ניו יארקער און וועלן העלפן אויפריכטן צוטרוי אין רעגירונג, **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך שטאלציר מיך צו נאמינירן די צוויי גאר-אנגעזעענע, זעלבסטשטענדיגע לעגאלע מומחים צו די קאמיסיע פאר׳ן גענומען ווערן אין באטראכט דורך דער זעלבסטשטענדיגער איבערזיכט קאמיטע, און איך בין אנטשלאסן צו באזארגן סיי וועלכע שטיצע נייטיג צו די קאמיסיע און די קאמיטע צו העלפן פארזיכערן אז זיי זענען ערפאלגרייך אין אויספירן זייער אויפטראג.״

גאווערנער האוקול האט ערשט אנגעטראגן דאס ערזעצן די געמיינזאמע קאמיטע אויף פובליק זיטן מיט א נייע זעלבסטשטענדיגע זיטן אגענטור אלס טייל פון איר ׳2022 סטעיט אָוו דע סטעיט׳ אגענדע. לעגיסלאציע צו שאפן די קאמיסיע אויף זיטן אין לאָבי׳ען און רעגירונגשאפט דורכגעפירט אין ביידע געזעץ-הייזער פון דער לעגיסלאטור און איז איינגעשריבן געווארן אלס געזעץ דורך גאווערנער האוקול אום אפריל 9, 2022. די זעלבסטשטענדיגע איבערזיכט קאמיטע, וועלכע באשטייט פון די מנהלים פון ניו יארק׳ס געזעץ שולעס, האבן ארויסגעגעבן זייערע פראצעדורן פאר אפשאצן נאמינירטע קאנדידאטן פאר דער קאמיסיע אום יוני 15, 2022.

**מייקל עי. קארדאזא** איז נאמינירט געווארן צו דינען אויף דער **קאמיסיע אויף זיטן אין לאָבי׳ען און רעגירונגשאפט.** מר. קארדאזא איז א געוועזענע ניו יארק סיטי קארפאראציע קאונסעל און איז איצט ליטיגאציע שותף ביי פראסקאווער. אזוי ווי ניו יארק סיטי׳ס לענגסט-אמטירנדן קארפארעישען קאונסעל, האט מר. קארדאזא געפירט דער שטאט׳ס 700-לאויער׳דיגע געזעץ דעפארטמענט פון 2002 ביז 2013, סערווירנדיג אלס לעגאלע קאונסעל צו דעם מעיאר, דער שטאט און אירע אלע אגענטורן. ער האט פירערשאפט ראלעס אויף די באורדס פון פילע ציווילע ארגאניזאציעס אריינגערעכנט ׳סיטיזענס יוּניאָן׳, דער פאָנד פאר מאדערנע געריכטן און דעם ראט קאמיטע פון לעגאלע ארויסזוך-באמיאונגען; ער

איז אויך באשטימט געווארן דורך דער ניו יארק סטעיט הויפט ריכטער צו זיין פארזיצער פון דער ניו יארק סטעיט קאמיסיע אויף לעגיסלאטיווע, יורידישע און עקזעקיוטיווע באצאלונג.

**פרעדעריק עי. דעיווי** איז נאמינירט געווארן צו דינען אויף דער **קאמיסיע אויף זיטן אין לאָבי׳ען און רעגירונגשאפט.** מר. דעיווי סערווירט סיניאָר סטראטעגישע ראטגעבער צו דעם פרעזידענט ביי יוּניאָן טעאלאגישע סעמינאר און האלט עטליכע אויסערליכע פירערשאפט ראלעס פארבינדן מיט פובליק פאָליסי און סאציעלע פראבלעמען, אריינגערעכנט מיט די ראסע יוסטיץ/ ׳טשארטער׳ רעפארעם קאמיסיע פון דער שטאט ניו יארק, די יו-עס קאמיסיע אויף אינטערנאציאנאל רעליגיעזע פרייהייט און דער ניו יארק סיטי ציווילע אנקלאגע איבערזיכט באָורד. פריער האט מר. דעיווי געדינט אין דעם נאָנפּראָפיט סעקטאר ביי פובליק / פריוואטע אונטערנעמונגען און פארד פאנדעישען. ער האט אויך ערפארונג אין מוניציפאלע רעגירונג אלס דעפיוטי בארא פרעזידענט פון מאנהעטען, שטאב הויפט פון דעפיוטי מעיאר פאר קאמיוניטי און עפנטליכע אנגעלעגנהייטן און שטאב הויפט צום פרעזידענט פון דעם ניו יארק סיטי באָורד אָוו עדיוקעשען.

פובליק קאמענטארן אויף די נאמינאציעס קענען אריינגעגעבן ווערן אָנליין: https://governor.ny.gov/ethicscommission

די 11-מיטגלידער קאמיסיע אויף זיטן אין לאָבי׳ען און רעגירונגשאפט וועט אריינרעכענען נאמינירטע קאנדידאטן פון דער גאווערנער, סענאט, אסעמבלי, קאמפטראלער און אטוירני גענעראל, אלע פון וועלכע ווערן איבערגעקוקט דורך געזעץ שולע מנהלים פאר באוויליגונג אדער צוריקווייזונג. די קאמיסיע וועט ארבעטן אנדערש און מער דורכזעוודיג מיט ספעציעלע ווייזלונג פאדערונגען עלימינירט, מיט׳ן קערפערשאפט און די שטימען אונטערגעווארפן די אפענע זיצונגען געזעץ און FOIL, סיי וועלכע דורכברוך אין קאנפידענציעליטעט געשיקט ווערן צום אטוירני גענעראל און פארבעסערטע טרענירונג פון שטאב מיטגלידער און נאטיץ צו קרבנות וועלכע האבן געליטן שאדנס דורך זייערע באַ׳עוולה׳ער. די קאמיסיע ווערט אויך געפאדערט צו האלטן א יערליכע זיצונג צו באריכטן אויף אירע אקטיוויטעטן און הערן מיטגעטיילטע מיינונגען פון דעם פובליק און סיי וועלכע אנטדעקונג מוז ווערן באריכטעט אינערהאלב 20 טעג, אראפ פון די פריערדיגע 45 טעג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418